בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# גִּלָּיוֹן שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בהעלותך
שנת תשפ"ה

גליון
קי"א

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת שְׁמוֹת שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

פַארְן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן: **"אַשְׁרֵיכֶם אַשְׁרֵיכֶם, אַשְׁרֵיכֶם אַשְׁרֵיכֶם, טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים; אַשְׁרֵיכֶם אַשְׁרֵיכֶם, אַשְׁרֵיכֶם אַשְׁרֵיכֶם, טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף עֶנְק, אִיךְ בֶּעט עֶנְק שְׁטַארְקְט עֶנְק; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף עֶנְק, אִיךְ בֶּעט עֶנְק שְׁטַארְקְט עֶנְק".**

### מֶען מוּז הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם; בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה'. גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען קֶען מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בִּפְרַט, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בִּכְלַל. בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט מֶען גֶעבְּן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין אַלֶע מוֹסְדוֹת, וַוייל דִי וֶועלְט וֶוערְט מֶער אוּן מֶער צֶעבְּרָאכְן, אוּן מֶען מוּז הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם רֶבִּי'ן.

בַּיים הַיינְטִיגְן שִׁיעוּר וֶועלְן מִיר בְּעִיקָר רֶעדְן פוּן צְוֵויי זַאכְן, פוּן זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַיין זַאט, אוּן נָאךְ אַפָּאר נְקוּדוֹת; דָאס אִיז דִי הַיינְטִיגֶע שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רֶעדְן לַאנְג, וַוייל מֶען גֶעבְּט עֶנְק צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר אִין עֶנְקֶער צַייט, בַּיי הַפְסָקָה.

### דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדַת ה' פוּן אַ מְלַמֵּד

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת מְלַמְּדִים (רְמָ"א, יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יז): **"וְאֵין לִמְלַמֵּד לִנְעֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי"**, אַ מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט.

עֶס קוּמְט יֶעצְט שׁוֹבָבִי"ם, אִיךְ וֵוייס עֶטְץ זוּכְטְס תִּיקוּנִים, עֶטְץ ווִילְטְס אוֹיפְשְׁטֵיין אֵיינְס אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס, זָאלְט עֶטְץ ווִיסְן, דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדַת ה' פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז אַז עֶר שְׁלָאפְט זִיךְ גוּט אוֹיס בַּיינַאכְט, כְּדֵי צוּ זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט פַאר דִי קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַלֶע מְלַמְּדִים וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד, מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּ דִי מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס וָואס מִיר מַאכְן, אַז עֶטְץ ווִילְטְס זַיין מַיינֶע חֲסִידִים, גֵייטְס שְׁלָאפְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת... וֶועט עֶטְץ זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט פַארְן קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ. פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס בַּיי דִי בָּאטֶע קֶענְט עֶטְץ קוּמֶען, וַוייל שַׁבָּת צוּפְרִי אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, אַזוֹי אוֹיךְ אַז עֶס קוּמְט אַ יוֹם טוֹב, חוֹל הַמּוֹעֵד, אוּשְׁפִּיזִין אוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, קֶענְט עֶטְץ טַאנְצְן בִּיזְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אָבֶער אַ טָאג וָואס אִיז דָא חֵדֶר - בֶּעט אִיךְ עֶנְק - לֵייגְטְס עֶנְק שְׁלָאפְן פְרִי.

אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן, זָאל מֶען אוֹיךְ אַרַיין גֵיין אִין בֶּעט, וַוייל אַז מֶען לִיגְט אִין בֶּעט אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ צוּ דִי אוֹיגְן - אִיז שׁוֹין גוּט.

### צוּבִּיסְלֶעךְ רוּקְן דִי צַייט פוּן שְׁלָאפְן גֵיין

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי. אִיךְ וֵוייס אַז עֶטְץ וֶועטְס מִיךְ פְרֶעגְן: ווִי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, מֶען דַארְף דָאךְ אוֹיךְ רֶעדְן מִיט דִי וַוייבּ, אוּן מֶען דַארְף דָאךְ אוֹיךְ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מֶען דַארְף טַאקֶע רֶעדְן מִיט דִי וַוייבּ אוּן מֶען דַארְף טַאקֶע הֶעלְפְן, עִם כָּל זֹאת דַארְף מֶען 'צוּבִּיסְלֶעךְ' צוּרִיק רוּקְן דִי צַייט פוּן שְׁלָאפְן גֵיין. אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן 'צְוֵויי אַזֵייגֶער' פַּארְטָאגְס, זָאל עֶס קוֹדֶם רוּקְן אוֹיף אֵיינְס אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם אוֹיף צְוֶועלְף דְרַייסִיג, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף עֶלְף אַזֵייגֶער.

### בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין נִסָּיוֹן

עֶס גֵייט נִישְׁט גֵיין אִין אֵיין מִינוּט, וַוייל גָארְנִישְׁט גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶער אַז מֶען וֶועט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט מֶען קֶענֶען גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט פַאר דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה קְטַנָּה אַז וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיז קְרִיאַת שְׁמַע גֶעוֶוען בַּיי מִיר זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אִיךְ פְלֶעג לֵיינֶען דִי דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אִיךְ פְלֶעג אַיינְשְׁלָאפְן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶס אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען בַּיי מִיר, צִי וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ, אָדֶער אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאלְטְן דֶערְבֵּיי, אָדֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע יֵצֶר הָרָע.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן דְרָשׁוֹת אוֹיף דְרָשׁוֹת אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֵיינֶען גַאנְץ קְרִיאַת שְׁמַע, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִילְט ווִי אַזַא חוֹזֶק, וַוייל אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל לֵיינֶען גַאנְץ קְרִיאַת שְׁמַע אוּן וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט לֵיין אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט גַאנְץ קְרִיאַת שְׁמַע. אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל, אִיךְ פְלֶעג בֶּעטְן בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אוּן אִין אוּמַאן בַּיים צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל"**, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן יָארְן, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס נִסָּיוֹן, אַז הַיינְט טְרַאכְט אִיךְ צוּרִיק מִיט

ווּאוּנְדֶער: 'וָואס? דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן? וִוי לַאנְג נֶעמְט דֶען קְרִיאַת שְׁמַע? מֶען נֶעמְט אַ קְרִיאַת שְׁמַע לֵיינֶער אוּן מֶען זָאגְט **"אָשַׁמְנוּ"**'!

אִיךְ דֶערְצֵייל עֶנְק עֶס, וַוייל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זֶענֶען דָא וָואס טְרַאכְטְן: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט', - דוּ בֶּעטְסְט אוֹיף דֶעם?! בֶּעט אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זִיךְ לֵייגְן פְרִי, אִיךְ וִויל זַיין אוֹיסְגֶערוּט; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ דַארְף זַיין פַאר דִי קִינְדֶער"**.

## אַ מְלַמְּדְ'ס קָאפּ מוּז זַיין בַּיי דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ מְנַהֵל אוּן סַיי וֶוער עֶס הָאט אַ מַגָע וּמַשָּׂא מִיט קִינְדֶער, דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נָאר טוּן דִי אַרְבֶּעט אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ - אִיז בַּיי דִי קִינְדֶער.

אוֹיבּ דַיין קָאפּ לִיגְט עֶרְגֶעץ עֶנְדֶערְשׁ, טוּסְטוּ אַן עַוְלָה אוּן דוּ מוּזְט זִיךְ אָפְּזָאגְן. אִיךְ זָאג עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל: אִיךְ וֶועל זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן; אֲפִילוּ אוֹיבּ אַלֶע מְלַמְּדִים זָאלְן הַיינְט אַרַיינְגֶעבְּן אַ צֶעטְל וָואס שְׁטֵייט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: **"מִיר גֵייעֶן"**, וֶועל אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן.

אָבֶּער דוּ טְרַאכְט אַרַיין: 'מֶעג אִיךְ דָא זַיין וֶוען מַיין קָאפּ לִיגְט אִין עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, מַיין קָאפּ לִיגְט אִין אַ בִּיזְנֶעס, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ מַאךְ עֶס אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען מִיט דִי קִינְדֶער?' - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: נֵיין! וַוייל דָאס גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ דַארְף זַיין בַּיי דִי קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק, מֶען זָאל זָאגְן אִין שְׁטוּבּ אַז מֶען מַאכְט דִי טֶעלֶעפָאוֹנְס אוֹיף סַיילֶענְט (שְׁטִיל), מֶען וֶועט נִישְׁט הֶערְן אוֹיבּ מֶען רוּפְט, אוּן אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַן עֶמֶערְדְזְשֶׁענְסִי, זָאל מֶען רוּפְן דֶעם מְנַהֵל.

## נֶעגְל וַואסֶער בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה

אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים מֶען זָאל זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער. אַ טָאג וָואס מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִיז דֶער טָאג אַ מוּצְלָח'דִיגֶער טָאג.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען מִיר אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אָדֶער עֶר הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ צֶעקְלַאפְּן, הָאט מֶען עֶס גְלַייךְ תּוֹלֶה גֶעוֶוען אִין נֶעגְל וַואסֶער, מַיין מַאמֶע הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט: **"אוֹי, מֶען הָאט אִים פַארְגֶעסְן אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וֶועגְן דֶעם פַאלְט עֶר, אוּן עֶר צֶעקְלַאפְּט זִיךְ"**.

אַזוֹי שְׁטֵייט דָאךְ אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיֵּשֶׁב דַף קפד:) אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער: **"אִקְרֵי טָמֵא"**, אִיז מֶען טָמֵא וּמְטַמֵּא, אוּן אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ יָא אָפּ נֶעגְל וַואסֶער: **"אִקְרֵי קָדוֹשׁ"**, אִיז מֶען הֵיילִיג.

## אַ מְלַמֵּד זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה

אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים מֶען זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה צוּפְרִי; נִישְׁט בַּיינַאכְט. אַז מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ, אִיז מֶען גָאר אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, מִיט גָאר אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ; אַלֶעס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גֶעזֶען אַ בְּרִיוו אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק טז, מִכְתָּב ב' אֲלָפִים, סג) וואוּ אֵיינֶער פְרֶעגְט אָן מוֹהֲרָא"ש צִי אַ מְלַמֵּד דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִים צוּרִיק זֵייעֶר שַׁארְף, וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז אַז אַ מְלַמֵּד זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה.

## גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען

אִיךְ וִויל עֶנְק אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט מִנְיָן.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס אוֹיף אַ מְלַמֵּד, אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: **"אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל אַ מְלַמֵּד דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, אוֹיפְן טִישׁ אִיז גֶעלִיגְן אַ צֶעטְל מִיט אַלֶע נֶעמֶען פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶענוּמֶען דֶעם צֶעטְל אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר מִיט שְׁלֹמֹה'לֶע, מִיט מֹשֶׁה'לֶע, מִיט יוֹאלִישׁ'ל, מִיט נַחְמָן, מִיט אֱלִיעֶזֶר', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד"**.

קוּמְט צוּפְרִי דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִיט מִנְיָן, אוּן בֶּעטְס פַאר אַלֶע קִינְדֶער.

## אָן יִרְאַת שָׁמַיִם זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער לוּפְטִיג

אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי. פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן זָאל מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, צוּפְרִי זָאל מֶען לוֹיפְן אִין מִקְוֶה אוּן גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וֶועט עֶטְץ זוֹכֶה זַיין אַז עֶנְקֶערֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער, וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): **"כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם דְּבָרָיו נִשְׁמָעִין"**.

אַמָאל קֶען מֶען אַ גַאנְץ יָאר רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, אוּן עֶס גֵייט אַרַיין פוּן אֵיין אוֹיעֶר אוּן עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי אַנְדֶערֶע אוֹיעֶר, אוּן מֶען שְׁרֵייט נָאךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער פַארְוָואס דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין, אָבֶּער דַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען לוּפְטִיגֶע וֶוערְטֶער, דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין מִקְוֶה, דוּ גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דוּ דַאוֶוענְסְט נִישְׁט מִיט מִנְיָן, פַארְוָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער דִיךְ אוֹיסְהֶערְן?!

## אוֹיסְגֶערוּט אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט

אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט אוּן מֶען לוֹיפְט גְלַייךְ צוּ דִי קִינְדֶער, שְׁרֵייט מֶען אוֹיף דִי קִינְדֶער: **"פַארְוָואס זִיצְטוּ נִישְׁט? קוּם אַהֶער! אִיךְ וֶועל דִיךְ גֶעבְּן אַזַא צִיפּ אַז דוּ וֶועסְט עֶס גֶעדֶענְקֶען..."**, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַ צִיפּ? פַארְוָואס דַארְף עֶר עֶס גֶעדֶענְקֶען? - וַוייל דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁלָאפְן! וֶוער זָאגְט אַז דוּ מֶעגְסְט זַיין אִין חֵדֶר?!

וֶוען אַ מְלַמֵּד זֶעט צְוֵויי קִינְדֶער רַייסְן זִיךְ בַּיי דִי קֶעפּ, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אִיז אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט, קֶען עֶר עֶס אָפְּשְׁטֶעלְן, עֶר צֶעטֵיילְט דִי צְוֵויי קִינְדֶער, עֶר הֶערְט אוֹיס וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁלָאגְן אוּן וֶוער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן, נָאכְדֶעם קֶען עֶר רוּאִיגֶערְהֵייט זֶען וָואס מֶען דַארְף טוּן, אוֹיבּ מֶען דַארְף אֵיינֶעם שְׁלָאגְן אָדֶער טוּן אַ ווִילְדֶע זַאךְ, ווִידֶער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, הֵייבְּט עֶר גְלַייךְ אָן צוּ פְּרַאסְקֶענֶען, טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען.

## אַ מְלַמְּדִים צִימֶער זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן

עֶס דַארְף זַיין אִין חֵדֶר אַ 'מְלַמְּדִים צִימֶער', אַ מְלַמֵּד זָאל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן פַאר פִינְף מִינוּט אוּן קוּמֶען צוּ זִיךְ, אוּן אוֹיבּ עֶר וִויל זָאל עֶר כַאפְּן אַ שְׁטִיקְל דְרִימְל.

דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, וַוייל אַז מֶען כַאפְּט אַ דְרִימְל אוּן מֶען עֶסְט עֶפֶּעס, וֶוערְט מֶען אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -

## וואוּ שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וואוּ שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעוֶועןזַייעֶר מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי פְלֶעגְן פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְן זֵיי דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע פְּרַט וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי. בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַאר'ן רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ גוּט צוּגֶעקוּקְט צוּ דִי תְּנוּעוֹת וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט צוּ וִויסְן אוֹיבּ עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער עֶר דַארְף עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן.

אֵיין מָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַאר'ן רֶבִּי'ן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעסְט פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים, אָבֶער דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת הָאט זַיין זוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַאר זַיין זוּן עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען נָאר גֶעסְט וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי אִין לֶערְנֶען, נִישְׁט סְתַּם אוֹרְחֵי פּוֹרְחֵי, ווִידֶער אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער; גְרוֹיסֶע קִינְדֶער אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'ע הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ) אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן, וַוייל מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וַיִּקְרָא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל".

בֶּאֱמֶת אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

אַוַדַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאל זַיין טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב; אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן קִינְדֶער פָאלְגְן. מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי פַאר'ן פָאלְגְן אוּן מֶען קַנְסְ'ט זֵיי אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיבּ דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט אִים, וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ', אָבֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתַּם זִיךְ אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶעריסְן פוּן בּוֹים?! אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי; אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תפ)

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁלָאגְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין פִיר יֶערִיג אִינְגְל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁלָאגְן אוּן טֵיילְן מַכּוֹת פַאר יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט אִים אִין וֶועג, מַמָּשׁ יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט קְלֶעפּ פוּן אִים מִיט אַ שִׁירֶעם; וָואס טוּט מֶען?

וֶוען אִיךְ שְׁלָאג אִים הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים הֶעלְפְט זִיכֶער נִישְׁט, אָבֶער דֶער מַצָּב אִיז שׁוֹין נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן. אִיךְ קֶען אִים שְׁלָאגְן גָאר שְׁטַארְק אוֹיף אַ וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן אַ קִינְד, אָבֶער אִיךְ וֵוייס בַּיי מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אַן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט? יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעוָואלְט צוּבִּינְדְן דִי הֶענְט אוּן פִיס אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט וֵויי טוּן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶער אַיינְגֶעהַאלְטְן; וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער יָא טוּן?

עֶר וֶוערְט צֶעווִילְדֶעוֶועט מַמָּשׁ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס גֵייט נִישְׁט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אִים; וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלָאגְן הֶעלְפְט נִישְׁט, שְׁרֵייעֶן הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טוּט נָאר פַאר חִינוּךְ נֶערְוֶועזֶערְהֵייט - הֶעלְפְט נִישְׁט.

חִינוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אָבֶער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כט, טו): "שֵׁבֶט וְתוֹכַחַת", דֶער שְׁטֶעקְן אוּן דִי שְׁטְרָאף רֵייד, "יִתֵּן חָכְמָה", גֶעבְּט חָכְמָה פַאר'ן קִינְד; אַז מֶען לֶערְנְט אַ קִינְד וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - וֶוערְט עֶר קְלוּג. נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין אִיז זֵייעֶר גְרִינְג בַּיים אָנְהוֹיבּ, אָבֶער בַּיים סוֹף קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם): "וְנַעַר מְשֻׁלָּח", אוּן דֶער קִינְד וָואס אִיז פַארְשִׁיקְט, דָאס הֵייסְט מֶען לָאזְט אִים גֵיין אוּן קוּמֶען, טוּן וָואס עֶר ווִיל - "מֵבִישׁ אִמּוֹ", פַארְשֶׁעמְט זַיין מַאמֶע.

חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", אַ קִינְד אִיז צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן דִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵיי. עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן צְוֵויי יָאר אַלְט - צוּ פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, נִישְׁט דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן. וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס? דוּרְךְ זָאגְן אֵיין מָאל אוּן צְוֵויי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל אוּן הוּנְדֶערְט מָאל אוּן טוֹיזְנְט מָאל: "מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע", "מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ מַאמֶע" - בִּיז דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֶלְטֶערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם", עֶס אִיז גֶעזוּנְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי, "לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם" נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צֵי שְׁטַארְק צוּ זֵיי, "לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם", זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, "רַק לִבְלִי

לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי; וַוייל וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ צִי סַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער – מֵיינֶען דִי קִינְדֶער אַז טַאטֶע אִיז אַ חַבֶר, רֶעדְן זֵיי צוּם טַאטְן וִוי צוּ אַ חַבֶר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרַ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא תשפ"ג)

## וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים אַיינְזִיצְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, וִוי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, אִיךְ פְּרוּבִיר דִי לֶעצְטֶע פָאר וָואכְן צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, אָבֶער מַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם דוּרְכְאוֹיס דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֵיין נִישְׁט אַז נָאר דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ', דָאס אִיז דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער; גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער שְׁפְּרִינְגֶען אוּן קְרִיגְן זִיךְ בַּיים שַׁבָּת טִישׁ אוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אִיז צוּ פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת צוּ מַאכְן אַז דִי סְעוּדָה זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע אוּן יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים דַארְף מֶען מַאכְן דִי סְעוּדָה אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר בֵּיידֶע. מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ זִיצְן בַּיים טִישׁ בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה, דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז אָנְהוֹיבּ סְעוּדָה זָאל מֶען מֶער רֶעדְן צוּ דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע קִינְדֶער, וְוִילַאנְג זֵיי הַאלְטְן נָאךְ מִיט דִי סְעוּדָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ שְׁפִּילְן – זָאל מֶען מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי עֶלְטֶערֶע; מֶען גֵייט אִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה, מֶען פְרֶעגְט יֶעדְן קִינְד אַ שְׁאֵלָה אוּן מֶען פַארְבְּרֵייטֶערְט דֶעם תֵּירוּץ מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מִדְרָשִׁים וְכוּ'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן עֵצוֹת דַארְף מֶען מַאכְן אַסַאךְ תְּפִילּוֹת יֶעדֶע וָואךְ פַאר שַׁבָּת קוּמְט צוּ גֵיין אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט זֵייעֶר פוּנֶעם שַׁבָּת, עֶר וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אִיד קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שַׁבָּת בּוֹיט דֶער אִיד זַיין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אוּן זַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר עֶס זָאל זַיין מַחֲלֹקֶת אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, אַבִּי דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין צֶעשְׁטֶערְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין סֵפֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד, אוֹת קמ) אַז עֶרֶב שַׁבָּת קוּמְט דֶער שָׂטָן אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אוּן מַאכְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ מַחֲלוֹקָה צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ, בְּעִיקָר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ פַארְטְרָאגְן זִיךְ אוּן לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת שָׁלוֹם, סִימָן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם וֶועט מֶען הָאבְּן בְּרָכוֹת; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט, אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם שָׂטָן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועק פַאלְן. קִינְדֶער וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַארְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת – אַ צַייט וָואס מֶען פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה אוּן מְנוּחָה.

גֶעדֶענְק אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם ראֹשׁ הַמִּשְׁפָּחָה; אַז דֶער טַאטֶע אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַז דֶער טַאטֶע אִיז נֶערְוֶועז – דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער טַאטֶע דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶען אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען הֶערְן; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ זִיצְן נֶעבְּן דִיר אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִיר בַּיי דִי סְעוּדָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ו', מכתב תסא)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876